בס"ד

שבת מברכים ניסן | ר"ח יום ה' | המולד ליל רביעי 1:24 | 12 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ויקהל-פקודי

כ"ה אדר תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:12 |
| מוצש"ק | 6:26 |
| ר"ת | 7:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:01 | סוז"ת א' | 9:17 |
| סוזק"ש ב' | 8:44 | סוז"ת ב' | 9:45 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': כב

## טיב הפרשה

# איין מצווה גייט נישט אויפן חשבון פון די אנדערע

די וואכעדיגע סדרה הייבט זיך אן מיט אַן אזהרה אויף שבת און ווי רש"י אויפן ארט געבט שוין צו פארשטיין אז די תורה רעדט דא עקסטער וועגן שבת ווייל ער וויל אונז קומען לאזן הערן אז דער בויעריי פון די משכן זאל נישט גיין אויפן חשבון פון שבת קודש.

עס איז אונז שוין מערערע מאל אויסגעקומען צו רעדן וועגן די נושא אז יעדער זאך וואס עס שטייט אין די תורה הק' איז נישט בלויז א דערציילער פון די אמאליגע געשעענישן נאר ער קומט אונז אויסלערנען אויף א פראקטישער וועג וויאזוי מען דארף זיך פירן היינטיגע צייטן ביז צו אונזערע טעג.

און אויך דא קומט ער אונז אויסלערנען א שטארקע און א טיפע דערהער וואס איז זייער שטארק נוגע צו די היינטיגע וועלט.

ווען מען טראכט צוריק אויף יענע צייטן און מען זעט ווי שטארק די תוה"ק זאגט אונז אן אז מען זאל נישט מחלל שבת זיין אפילו ווען מען וויל בויען די משכן אין שבת פארשטייט מען נישט אזוי שטארק ווי קומט עס אריין, אבער ווען יעדער זאל זיך מתבונן זיין אין זיין פריוואטע וועלטל פארשטייט מען עס אביסל בעסער.

עס איז אן אפטע ערשיינונג ביי מענטשן אז זיי זאלן ווערן אריינגעטון אין א זאך און פארגעסן פון דער גאנצער ארום וואס עס גייט פאר ארום אים. נישט נאר פארגעסט ער פון זיינע גשמיות'דיגע צרכים, נאר אויך פון די רוחניות'דיגע זאכן וואס ער דארף מקיים זיין.

די ערשיינונג טרעפט זיך זייער שטארק ביי יונגע. אין די יונגע יארן ווען אלעס קאכט נאך, ווארפן זיי זיך אריין אין תורה אדער אין תפלה, אדער גאר אין גמילות חסדים און זיי ווערן אזוי שטארק פארטון אין דעם, אז זיי פארגעסן אז עס איז דא עפעס אויסערדעם.

אבער דאס איז נישט דער דרך התורה. א איד דארף צו וויסן אז ווי חשוב די זאך וואס ער טוט זאל נאר זיין קען עס נישט קומען אויפן חשבון פון אנדערע זאכן. עס קען נישט זיין אז ווייל ער איז פארטיפט אין א סוגיא זאל ער נישט דאווענען

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### - ♦ אלה פקודי המשכן ♦ -

אין פורים האט מיר איינער געזאגט: איך וויל געבן געלט פאר צדקה, אבער וואס זאל איך טון, אז איך האב נישט מער ווי עטליכע פרוטות? האב איך אים געענטפערט: וויסן זאלסטו, אז אין די אויגן פונעם אויבערשטן, איז דיין פרוטה מער ווערד ווי פילע הונדערטער און אפילו טויזנטער וואס אן אנדערער וועט געבן.

אמאל האבן מיר חלישות הדעת, וויבאלד מיר האבן נישט דעם מעגליכקייט מקיים צו זיין א געוויסע מצוה בשלימות, אזוי ווי מיר וואלטן באמת געוואלט, ווי למשל: געבן צדקה אזוי ווי די גרויסע גבירים, אויפשטעלן אן אינטערנאציאנאלע חסד־ארגאניזאציע, לערנען תורה אכצן שעה א טאג, און נאך אסאך אזעלכע מצוות וואס מיר וואלטן געוואלט מקיים זיין בהידור.

אנהייב פון פרשת פקודי, זאגט רש"י אויף די ווערטער "אֵלֶּה פְקוּדֵי": אין די פרשה זענען אויסגערעכנט געווארן אלע שקלים פון די נדבה פארן משכן, פאר זילבער, פאר גאלד און פאר קופער, און עס זענען אויסגערעכנט געווארן אלע כלים פארן גאנצן ארבעט. דאס קומט אונז לערנען, אז כאטש אינעם משכן איז געווען אסאך זילבער, פונדעסטוועגן איז געווען די זעלבע חשיבות אויך פאר די קופער, כדי א מענטש זאל נישט טראכטן ביי זיך אין הארץ "וואס האב איך דען געגעבן? קופער? דאס איז דאך א ביליגע זאך און האט נישט קיין חשיבות", דעריבער רעכנט די תורה דאס קופער צוזאמען מיט די גאלד און זילבער, אונז צו לערנען אז "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם", סיי ווער עס מאכט אסאך און סיי ווער עס טוט ווייניג, זענען חשוב אין הימל, נאר ער זאל אינזינען האבן זיין הארץ צום אויבערשטער.

אבער פון די אנדערע זייט, כדי א מענטש זאל נישט זיין פויל, זאגנדיג אז אויב סיי דער וואס טוט אסאך און סיי דער וואס טוט ווייניג זענעןביידע גלייך, אויב אזוי פארוואס דארף איך מיך אנשטרענגען, וועל איך נאר טון אביסל און מיין שכר וועט זיין פונקט אזוי ווי דער וואס האט זיך אסאך אנגעשטרענגט, וועגן דעם לערנט אונז רש"י אין פרשת ויקהל, "וַיַּעַשׂ בְּצַלְאֵל אֶת הָאָרֹן", זאגט רש"י אז וויבאלד בצלאל האט זיך איבערגעגעבן מיט די ארבעט מער ווי די אנדערע חכמים, ווערט עס אנגערופן אויף זיין נאמען. זעען מיר פון די ווערטער פון רש"י אז עס זיכער דא א ספעציעלע חשיבות פאר דער וואס שטרענגט זיך מער אן.

אויב אזוי, וועט א מענטש פרעגן, וואס זאל איך טון? פון איין זייט זע איך אז עס לוינט זיך נישט אנצושטרענגען, און פון די אנדערע זייט זע איך אז ווער עס שטרענגט זיך אן איז מער חשוב? נאר דער זאך איז אזוי, אז לכתחילה איז אוודאי בעסער זיך אנצושטרענגען וואס מער, אבער אויב קענען מיר נישט טון מער, זאלן מיר נישט זיין טרויעריג צוליב דעם, נאר מיר זאלן זיך פרייען מיט דאס וואס מיר האבן געטון, און וויסן אז כלפי שמיא קען דאס ביסל וואס מיר האבן געטון, זיין גערעכנט פאר זייער אסאך.

(עפ"י טיב התורה-ויקהל ופקודי)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים

אויף קבלת קהל

0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

**ווי א איד, אדער אז א טובה פאר א צווייטן איד זאל אים פטר'ן פון א מצוה.**

אסאך מאל מאכט דער מענטש צו זיך א חשבון אז זיכער וויל השי"ת מער איך זאל טון איין זאך אנשטאט די אנדערע. דער איד איז איבערגעצייגט אז ער ווייסט וואס איז חשוב און וואס נישט, אבער עס איז א גרייזיגע סארט געדאנק, דער באשעפער וויל נישט אז א איד זאל מאכן די סארט חשבונות, ער וויל אז מען זאל אים דינען בפשטות, מיט א תמימות, און וויסן וואס ער האט יעצט צו טון און אז **קיין איין זאך זאל נישט קומען אויפן חשבון פון אן אנדערע זאך.**

און צו פארמיידן אזא סארט גרייז איז די תורה הק' געקומען און געגעבן דער באפעל איידער מען גייט אנהייבן בויען די משכן. עס איז געווען קלאר אז כלל ישראל וועט צוגיין צו די מצוה מיט א שטארקער ברען, מען וועט טון אלעס וואס מען קען צו בויען דער משכן און עס קען נאך זיין איינער וואס וועט האבן אזא הוה אמינא אז אזא הייליגע מצוה איז דוחה שבת און וועגן דעם זאגט די תורה אן אז ניין - יעדער זאך האט זיך זיין צייט און פלאץ און קיין איין זאך קומט נישט אויפן חשבון פון **א צווייטער זאך.**

דער געדאנק טרעפט מען אויך ווען מען רעדט על דרך רמז אז יעדע מצוה איז מרמז קעגן א צווייטער אבר אין די גוף פון א מענטש. גענוי ווי מען פארשטייט אז קיין איין אבר קומט נישט אויפן חשבון פון דעם אנדערן איז די זעלבע זאך דא אויך, אז קיין איין מצוה איז נישט אויפן חשבון פון די **אנדערע.**

מען דערציילט א מעשה אויפן בריסקער רב זצוק"ל. כידוע איז די מצה באקןביים בריסקער רב **געפראוועט געווארן מיט אן אויסטערלישע התלהבות און מיט אויסטערלישע חומרות.**

דער בריסקער רב האט געהאט אסאך חומרות און איינער פון זיי איז געווען אז ער האט אנגעהויבן באקן מצות זונטאג אינדערפרי נאך א גאנצער שבת ווען די אויוון איז געווען ליידיג. נאך דעם וואס מען האט אפגערעדט מיט דער אייגנטומער פון דער אויוון אז זונטאג אינדערפרי באקומט ער די אויוון האט מען אפגעמאכט אז דער בריסקער רב זאל זיין דארט זיבן אזייגער אינדערפרי, אז מען זאל **קענען אנהייבן די ארבעט.**

עס איז געווען זונטאג אינדערפרי. אלעס איז שוין געווען גרייט אבער דער בריסקער רב איז נישט דא. מען האט געווארט און געווארט און ערשט איין און א האלב שעה שפעטער האט ער זיך באוויזן.

דער אייגנטומער האט געהאט אויף אים א טענה היתכן אז ער איז שפעטיג, עס איז א געלט שאדן, אבער דער בריסקער רב האט אים בארואיגט און געזאגט אז ער וועט אים אויסצאלן די שאדן, ער **דארף זיך נישט זארגן דערוועגן.**




און דערביי געגעבן צו פארשטיין אז די שפעטיגונג איז געקומען וועגן דעם וויל ליינענדיג קריאת שמע האט ער זיך צעמישט און ער האט געמוזט איבערליינען קריאת שמע און וועגן דעם האט ער זיך **פארשלעפט.**

"און וויל איך דארף באקן מצות זאל איך נישט ליינען קריאת שמע"? האט דער **בריסקער רב געפרעגט.**

אבער נישט יעדער איינער איז דער בריסקער רב און מען דארף געדענקען די נקודה. עס איז טאקע זייער חשוב אין הימל דיינע מצוות און דיינע ד' מינים און דיין הכנה צו פסח אבער עס קען נישט גיין אויפן חשבון פון אן אנדערע מצוה, וויל יעדע מצוה האט זיך זיין חשיבות, זיין טייערקייט, און איינס איז נישט **אויפן חשבון פון די צווייטע.**

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

**געשריבן דורך לייענערס**

## אלעס צוריקבאקומען ביזן לעצטן פעני

וווען איך האב געזען אז מיין קינד איז נישט מצליח מיטן לערנען האב איך געהאפט אז עס איז אן איבערגאנג אבער ווען עס איז נישט אריבער האב איך אנגעהויבן פרעגן ביי מומחים וואס מען קען טון.

אלע האבן מיר געזאגט אז איך האב נישט קיין אנדערע ברירה, איך מוז נעמען פאר מיין קינד א פריוואטע צולערנער. דער צולערנער וועט לערנען מיט אים די לימודים און מיט די צייט וועט ער בעזר השם קענען נאכיאגן וואס ער האט פארפעלט ביז היינט.

איך האב אנגענומען די עצה, אבער וויסנדיג אז א צולערנער קאסט געלט, בין איך געווען היבש פארלוירן.

פון וואו זאל איך נעמען געלט דערפאר? איך בין אזוי אויך זייער געענגט, איך האב גע'חזר'ט דער מאמר חז"ל אז שכר לימוד גייט נישט אריין אין כלל פון הוצאות בניו לת"ת אבער פון וואו וועל איך עס דעקן.

נאך אסאך אריינטראכטן האב איך איינגעזען אז דאס איז דער רצון השם און איך בין אריינגעטאנצן אין דעם און זיך פארלאזט אויפן באשעפער אז ער וועט מיר העלפן אין דעם היזיכט.

עס איז אריבער אפאר טעג און מיין חתונה געהא'טער זון קלינגט מיר אריין און זאגט מיר אז מיט אפאר טעג צוריק האב איך אים אויסגעצאלט די שכירות געלט און אזוי ווי השי"ת האט אים מזמין געווען וויל ער מיר אפגעבן די געלט.

ער האט אריינגעשיקט די געלט אין מיין באנק קאונטע. ווען איך האב געמאכט דעם חשבון, האב איך געזען אז עס איז פונקט די סומע וויפיל עס האט מיר געקאסט יענעם חודש צו נעמען א צולערנער.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספואלס אין פקס: 15326517922

# אחדות ושלום בית

**"וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם: אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה' וגו'"** (לה, א-ב)

דערויף איז דא א באקאנטע קשיא, וואס הייסט "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת - שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה"? זענען מיר דען באפוילן געווארן צו טון ארבעט אין די זעקס טעג פון וואך? דער עיקר פון די מצוה איז דאך צו רוען אום שבת, אויב אזוי וואלט געדארפט שטיין אז דער אויבערשטער האט באפוילן אז דעם זיבעטן טאג, שבת קודש, זאל מען רוען?

האט הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשנער זצוק"ל ערקלערט (לקוטי מהרש"ל, תו"א דף שעה.), אז די ווערטער 'אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה כו'' גייט ארויף אויף דאס וואס עס שטייט פאר זיי. און לויט דעם איז דער פשט אין פסוק ווי פאלגנד: "וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - משה רבינו האט צוזאמגענומען אלע אידן צוזאמען, "וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים", און ער האט געזאגט צו זיי, דאס זענען די זאכן וואס איך האב יעצט גע'פועל'ט דורכן פאראייניגן די הערצער פון אידישע קינדער, "אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם".

און די ארבעט פון שלום און אחדות, גייט אן כסדר, אין אלע זעקס טעג פון די וואך, כדי מען זאל אנקומען דורכדעם צו דעם "בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לְהַשֵּׁם".

דער עיקר הכנה און די חשוב'סטע הכנה צום שבת קודש, איז דאס אחדות און שלום אין די הייזער פון אידישע קינדער. אזוי ווי עס איז מרומז אין די גמרא (שבת לד.) ביי די דריי זאכן וואס א מענטש דארף זאגן ביי אים אינדערהיים ערב שבת פארנאכטס, אז מען דארף עס זאגן "בניחותא", רואיגערהייט, כדי מען זאל עס אננעמען פון אים.

ווייל ווי באקאנט איז דא א באזונדערע קליפה וואס טוט צורעדן צו האבן כעס און קפידות דווקא אום ערב שבת, און עס ברענגט "חֲשֵׁכָה", פינסטערניש, אין אידישע הייזער און הערצער. דארף מען זיך שטארקן איבער אט דעם קליפה, און מאכן רוען שלום אין הויז. אזוי ווי מיר לערנען פון די וועגן פון הלל הזקן דער גרויסער עניו, אינעם באוואוסטן מעשה (שם לא.) ווען ער האט זיך געוואשן אום ערב שבת, און מען האט אים נישט געקענט ברענגען צו כעס.

דאס איז קלאר מרומז אין די תפילה פון "כגוונא" (זוהר הקדוש תרומה קלה.) וואס מיר זאגן ווען דער שבת קודש קומט אריין, אז דאס שלום און אחדות איז דער עיקר סוד פון שבת: "כְּגַוְנָא דְּאִינּוּן מִתְיַחֲדִין לְעֵילָא וְכוּ', אוּף הָכִי אִיהִי אִתְיַחֲדַת לְתַתָּא בְּרָזָא דְּאֶחָד, לְמֶהֱוֵי עִמְּהוֹן לְעֵילָא חָד לָקֳבֵל חָד וְכוּ'. דְּאִתְאַחֲדַת בְּרָזָא דְּאֶחָד, לְמִשְׁרֵי עֲלָהּ רָזָא דְּאֶחָד וְכוּ'. כַּד עַיֵּל שַׁבַּתָּא, אִיהִי אִתְיַחֲדַת וְאִתְפַּרְשַׁת מִסִּטְרָא אַחֲרָא, וְכָל דִּינִין מִתְעַבְּרִין מִינָהּ וְכוּ'. וְכָל שׁוּלְטָנֵי רוּגְזִין וּמָארֵי דְּדִינָא כֻּלְּהוּ עַרְקִין וְכוּ', כְּדֵין שֵׁירוּתָא דִצְלוֹתָא לְבָרְכָא לָהּ בְּחֶדְוָה בִּנְהִירוּ דְּאַנְפִּין וְכוּ'".

דאס מיינט אז מען דארף אויפנעמען דעם שבת מיט שלום און אחדות, און דורכדעם וועט רוען אויף אונז דער סוד פון אחד, און די סטרא אחרא גייט אוועק און עס קען נישט געוועלטיגן אויף די וועלט.

זאגט ווייטער דער פסוק, מיט א גרויסן ווארענונג (פסוק ג): "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת". וואס בפנימיות התורה מיינט עס אז מען זאל חלילה נישט אנצינדן ביי זיך אין הארץ דעם פייער פון כעס, אזוי ווי דאס איז באוואוסט פון תיקוני זוהר (פה.) און דער של"ה הקדוש (שבת, נר מצוה, לב). נאר מען זאל זיך צוזאמנעמען און פאראייניגן מיט שלום און אחדות, און אריינברענגען די מידה פון שלום אינדערהיים, כאיש אחד בלב אחד.

->•<-

דעם פאלגנדן שיינעם דערציילונג, האט מיר דערציילט אן אייניקל פונעם גאון המפורסם רבי משה קליערס זצ"ל, דער רב פון די הייליגע שטאט טבריה ת"ו:

יעדן יאר ביים טאג פונעם יארצייט פון הגאון רבי משה קליערס, פלעגט ארויפקומען צום ציון אן אלטער איד, וועלכער פלעגט זיך אנשטרענגען און קומען צו פארן פון ירושלים עיר הקודש, א נסיעה וואס אין יענע צייטן איז אנגעקומען מיט גרויס שוועריגקייט, ביז ער איז אנגעקומען צום קבר פונעם צדיק וואס געפינט זיך אינעם אלטן בית החיים אין די הייליגע שטאט טבריה תבנה ותכונן.

אין איינע פון די יארן, איז צוגעגאנגען צו אים דער אויבנדערמאנטער אייניקל פון רבי משה זצ"ל, און אים געפרעגט פארוואס שטרענגט ער זיך אזוי אן יעדן יאר, אינדערצייט וואס ער איז נישט קיין משפחה־מיטגליד פונעם רב, און אויך נישט קיין איינוואוינער פון די שטאט טבריה. דערפון האט דער אייניקל פארשטאנען אז עס מוז זיין א ספעציעלע סיבה פארוואס דער אלטער איד קומט צו פארן יעדן יאר. ווי עס זעט אויס באהאלט זיך דא עפעס א טיפערע זאך, וואס וועט פארשפרייטן א ספעציעלן ליכטיגקייט אויפן גרויסקייט פונעם צדיק. דעריבער האט ער זיך געוואגט צו צוגיין צום אלטן, און אים פרעגן וואס עס ברענגט אים צו דאס גרויס אנשטרענגונג יאר־יערליך, כדי די קומענדיגע דורות זאלן עס וויסן.

דער אלטער האט גערן געגעבן צו פארשטיין דעם ענין צום אייניקל, און האט אנגעהויבן דערציילן:

מיט יארן צוריק, ווען איך בין נאך געווען א יונגערמאן, איז דער 'שלום בית' צושטערט געווארן ביי אונז. א שווערע קריגעריי האט אויסגעבראכן, לא עלינו, צווישן מיר און מיין ווייב, און עס איז געווארן אלס שטארקער און ערגער. און אזוי ווי דער שטייגער פון א מחלוקת, איז דאס כעס און ביטערניש אריינגעגאנגען טיפער און טיפער, און די קריגערייען זענען געווארן אלס אפטער און שטארקער, אלס מער און גדעכטער, אן קיין וועג ארויס. עס איז געווארן אלס הארבער און ערגער, ביז עס איז געקומען איין טאג וואס איך האב שוין מער נישט געקענט פארנעמען די יסורים און די קריגעריי, און איך האב באשלאסן אז איך דארף נעמען אביסל אָפְּרוּ.

האב איך זיך אויפגעהויבן, צוזאמגעפאקט מיין רענצל און איך האב זיך ארויסגעלאזט צו די ווייטע טבריה. אויך פאר מנוחת הנפש און באקומען נייע כוחות, אבער בעיקר כדי זיך דורכצוטראכטן אינעם גאנצן ענין, און זען אויף וועלכן ריכטונג איך דארף גיין... צי זאל איך פראבירן מאכן 'שלום בית' צווישן מיר און מיין ווייב, אדער חלילה איז מער נישטא קיין האפענונג, און מען דארף טראכטן וויאזוי זיך צו צושיידן ח"ו.

איך בין אנגעקומען קיין טבריה, און געדונגען א קליינע דירה פאר א קורצע צייט. איך האב אויפגעפאקט מיין רענצל, און מסדר געווען מיינע חפצים. די דירה'לע איז געווען א געשמאקע, און אויך א רואיגע. פון די פענסטער האט מען געקענט זען דעם כנרת טייך אויסגעשפרייט, מיט אירע רואיגע וואסערן, וועלכע זענען אימשטאנד צו באַרואיגן א מענטש, און אים ברענגען מנוחת הנפש - א זאך וואס האט מיר דעמאלטס שטארק אויסגעפעלט.

נאכן אלעס מסדר זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין, האב איך זיך ארויסגעלאזט דאווענען מנחה־מעריב אינעם גרויסן שול פון די שטאט. ווי נאר מען האט געענדיגט דאווענען, האט מיר דער רב פון שטאט, הגאון רבי משה קליערס זצ"ל, ענטפאנגען מיט א הארציגן "שלום עליכם", אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען, אלס הויפט־רב פון די שטאט, אויפצונעמען די געסט וואס זענען אנגעקומען אין שטאט, און זען וויאזוי זיי שפירן זיך, און פארשטיין פארוואס זיי זענען אהערגעקומען, און אזוי ווייטער. אפטמאל פלעגט ער זיי דורכדעם שטארק ארויסהעלפן, מיט פארשידענע מיטלען וואס ער האט געהאט.

אויך ביי מיר - האט דער אלטער איד ווייטער דערציילט - האט דער רב אנגעהויבן פארברענגען מיט מיר, מיט א פריינטליכן שמועס, און הערנדיג אז איך בין א גאסט פון ירושלים עיר הקודש, האט ער זיך זייער געפריידט. "און וואו שטייט איר איין, דא אין טבריה", האט ער געפרעגט. האב איך אים דערציילט איבער די דירה'לע וואס איך האב געדינגען פאר נישט צי טייער, און איז גאר צוגעפאסט פאר א קורצע וואקאציע.

איבער מיינע פילע פראבלעמען, און די צושטערטע 'שלום בית', האב איך אים נישט דערציילט, פארשטייט זיך. אויך דער קלוגער רב האט נישט געגריבלט צופיל, און מיר נישט געפרעגט איבער דאס וואס האט מיר צוגעברענגט צו פארלאזן ירושלים, און קומען אזוי ווייט ווי טבריה. עס איז אים געווען גענוג, אז ער האט דא א טייערער גאסט פון ירושלים עיר הקודש, און ער האט זיך זייער געפריידט מיט מיר. דערנאך האט מיר דער רב געפרעגט: בעצם, פארוואס זאלסטו נישט קומען ביי מיר אינדערהיים, איך בין

המשך אין עמוד ד' >|

זיכער אז דאס דינגען די דירה'לע קאסט דיר א שטיקל פרייז. פארוואס זאל איך נישט זוכה זיין מיט אזא חשוב'ע מצוה, פון הכנסת אורחים? ביי אונז, האט דער רב געזאגט מיט א ליבליכן שמייכל, וועסטו זיך קענען רואיג אפרוען, נישט ווייניגער ווי ביי יענעם דירה'לע וואס דו האסט געטראפן! אויך דא וועסטו האבן די הרחבת הדעת מיט די שיינע אויסקוק פון די אלטע שטאט טבריה פון די פענסטער. און אפשר וועלן מיר אויך קענען לערנען אביסל אינאיינעם, און אזוי וועסטו קענען אויסניצן דיין וואקאציע, אן קיין איבעריגע קאסטן!

אין אמת'ן, האט דער איד ווייטער דערציילט, האט מיר נישט אזוי געשמעקט דעם פארשלאג פונעם רב. איך האב געוואלט אביסל פריוואטקייט און רואיגקייט, נאכן שווערן און שטורעמישן תקופה וואס איז אריבער אויף מיר, און איך האב געוואלט זיין מער מיט מיר אליין, דעריבער האב איך איידעלערהייט אפגעשטופט די הצעה פונעם רב. איך האב זיך פארענטפערט פארן רב, אז איך וויל נישט מטריח זיין דעם חשוב'ן רב און רעבעצן, ווייל מען רעדט דאך נישט דא פון נעכטיגן איין נאכט, נאר פון א וואך און אפילו מער.

דער רב האט אבער נישט אזוי שנעל מוותר געווען אויף די גרויסע מצוה וואס איז צוגעפאלן צו זיינע הענט, און האט מיר פראבירט איבעררעדן אויף אלע וועגן אז איך זאל יא מסכים זיין צו קומען ביי אים. "עס איז ביי אונז בכלל נישט קיין טירחא! פארקערט, די רעבעצן וועט זייער הנאה האבן און זיך פרייען! מיר האבן ליב אריינצונעמען געסט, וויבאלד זיי ברענגען אריין שמחה און ליכטיגקייט אין שטוב", האט דער רב געבעטן.

דער סוף איז געווען, אז דער רב האט מיר נישט אפגעלאזט, און האט מיר געבעטן אז איך זאל כאטש אויספראבירן א פאר טעג אין זייער הויז, און אויב וועל איך דארפן מער רואיגקייט, קען איך אלעמאל צוריקגיין צו די דירה'לע. איך האב נישט געהאט קיין אנדער ברירה, ווייל עס איז טאקע נישט שיין אזוי אפצוזאגן אזא חשוב'ער רב. האב איך זיך דורכגעקומען מיטן בעל הבית פון די דירה'לע, און עס אפגעזאגט, און נאכן צוזאמפאקן מיינע זאכן, בין איך שנעל געגאנגען צום רב'ס הויז, וואו מען האט מיר זייער שיין אויפגענומען, און מיר געהייסן זיך מאכן באקוועם אין א זייטיגן צימער אין זייער הויז, און נאכן עסן א געשמאקע מאלצייט, בין איך אריינגעגאנגען אין מיין צימער זיך אפצורוען פאר די נאכט.

דער צימער ביים רב אינדערהיים איז אמת'דיג געווען זייער בא'טעמ'ט, און איך האב מיך דארט זייער גוט אויסגערוט, נאכדעם וואס במשך א לאנגע תקופה האב איך געליטן פון קריגערייען און אומרואיגקייט.

אויפצומארגנס בין איך אויפגעשטאנען פרי, מיט פרישע כוחות, זיך צו גיין טובל'ען אינעם כנרת, און צו דאווענען שחרית. נאך איידער איך בין ארויס פון הויז, האב איך געזען ווי דער רב ארבעט זייער שווער. צום ערשט האט ער אנגעגרייט א שיסל מיט נעגל־וואסער פארן רעבעצן, און דערנאך האט ער ארויסגענומען די וואסער און עס אויסגעגאסן. פון דארט איז ער אריינגעלאפן אין קאך, וואו ער האט געשטעלט וואסער צו קאכן, און ווען מען האט געהערט די קול וואס ווייזט אז די וואסער איז שוין געקאכט, האט ער צוגעשטעלט די קאווע צום קאכן, אזוי ווי די שטייגער איז דעמאלטס געווען, און די געשמאקע גערוך פון די קאווע האט זיך צושפרייט אין הויז!

דעמאלטס האט דער רב אוועקגעשטעלט דעם קאכעדיגן גלעזל קאווע איבער א שיינעם טעצל, און מיטגענומען האט ער א טעלערל מיט געשמאקע קיכעלעך. און אזוי, מיט זיין שיינעם "געשאנק", איז דער רב אריינגעגאנגען אינעם צימער פונעם רעבעצן, און עס אראפגעלייגט נעבן איר, אלס געשמאקער אנהייב פארן נייעם טאג, עפעס וואס ווארעמט אן דעם גוף און דעם נפש...

אלס איינער וואס איז געשטאנען פון דער זייט, האט דער איד ווייטער דערציילט, האב איך פארשטאנען אז די רעבעצן פילט זיך אוודאי נישט גוט, און דעריבער טוט זיך דער רב אזוי אנשטרענגען איר צו באדינען מיט אזא געטריישאפט. דעריבער האב איך געלאזט וויסן פארן רב, איידער איך בין ארויסגעגאנגען צום בית המדרש, אז גלייך נאכן דאווענען וועל איך בעזרת השם צוריקקומען צו נעמען מיינע זאכן, און איך וועל צוריקגיין צו די דירה'לע וואו איך בין פריער געווען. "איך וויל נישט חלילה מטריח זיין די רעבעצן וואס פילט זיך נישט גוט", האב איך גע'טענה'ט.

הערנדיג מיינע ווערטער, האט זיך דער רב זייער געוואונדערט. די רעבעצן פילט זיך ב"ה זייער גוט! אפשר האסטו נישט הנאה געהאט ביי אונז אינדערהיים? אפשר האט דיר עפעס געפעלט, אדער איז דיר געווען צי קאלט ביינאכט? פארוואס גייסטו אזוי שנעל אוועק פון אונז? האט זיך דער רב געוואונדערט.

האב איך געזאגט פארן רב, אז וויבאלד איך האב געזען אז ער דארף זיך אזוי מטריח זיין און באדינען דעם רעבעצן, האב איך פארשטאנען אז זי פילט זיך אוודאי נישט גוט, און דערפאר וויל איך נישט מער פארשווערן אויף איר.

וואס עפעס? האט דער רב געענטפערט. זי פילט זיך ב"ה זייער גוט, און ליידט נישט פון קיין שום קרענק, חס וחלילה! - נאר, איך האב געזען אין די כתבי האריז"ל אז מען דארף מקבל זיין אויף זיך די מצוה פון (ויקרא יט, יח) "ואהבת לרעך כמוך" פארן דאווענען, און אזוי שטייט דארט (שער הכוונות דרושי ברכת השחר): איידער מען שטעלט זיך דאווענען אין שול, דארף מען נעמען אויף זיך די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך', און מען זאל אינזינען האבן אז מען האט ליב יעדער איינער פון כלל ישראל אזוי ווי זיך אליין, ווייל דורכדעם וועט זיין תפילה ארויפגיין זייענדיג צוזאמגעשטעלט פון אלע אידישע תפילות, און אזוי וועט עס קענען ארויפגיין אויבן און עושה פרי זיין, ביז אהער פונעם שער הכוונות.

דעריבער, האב איך געטראכט צו מיר - האט דער רב ערקלערט - פארוואס זאל איך זוכן א חבר אין די גאסן פון שטאט אדער אין שול, כדי מקיים צו זיין מיט אים די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", אינדערצייט וואס איך האב דאך ביי מיר אינדערהיים, גרינגערהייט, דעם געלעגנהייט מקיים צו זיין אט די וואונדערליכע מצוה.

אזוי ווי מורנו הרב חיים וויטאל זצוק"ל שרייבט שוין אינעם ספר הליקוטים (פר' עקב פ"ח), אז דער עיקר כוונה פון די מצוה פון חתונה האבן, איז נאר געקומען כדי מען זאל מקיים זיין מיט איר די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", דורכדעם וואס ער וועט איר ליב האבן פונקט ווי אים אליין, און ווי דאס איז מרומז אין די סוגיא אנהייב דעם צווייטן פרק פון מסכת קידושין (דף מא ע"א), זע דארט. [און מיר האבן דאס ערקלערט באריכות אין אנהייב פונעם ספר "טיב השידוכים" (שער הראשון פרק חמישי אות ג), עיין שם].

עס איז זעלבסטפארשטענדליך - האט דער אלטער איד געענדיגט זיין דערציילונג - אז נאך אזא לעבעדיגער מוסר־שיעור, האט זיך מיין גאנצער באציאונג צו דער ענין פון א אידישע שטוב, אינגאנצן געטוישט, זעענדיג וויאזוי די חכמי התורה פירן זיך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם (משלי ג, יז). איך האב זיך גוט אויסגעלערנט די וועגן פון חיים ושלום, וויאזוי א מענטש דארף מכבד זיין די ווייב און איר ליב האבן.

איך האב גלייך פארקורצערט מיין וואקאציע, און זיך אויפגעהויבן און צוריק אהיימגעפארן. פון דעמאלטס האט זיך מיין באציאונג צו מיין ווייב אינגאנצן געטוישט. איך האב איר אנגעהויבן צו מכבד זיין און זוכן איר פרידן און גוטס. אנשטאט איר צו קריטיקירן אויף עפעס וואס טויג נישט, אדער זיך צו באשיצן פון איר קריטיק, האב איך ארויסגעהויבן איר גוטע זייטן, און איך האב שטענדיג פראבירט פארשפרייטן א רואיגע אטמאספער אינדערהיים, מיט שמחה און ליבשאפט. פארשטייט זיך, אז כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים (משלי כז, יט), האט זי מיר אויך צוריקבאצאלט מיטן זעלבן מטבע, און דאס שלום האט צוריק אנגעהויבן רוען אין אונזער הויז.

פון דעמאלטס און ווייטער, פיל איך א געוואלדיגע הכרת הטוב צום גרויסן רב, וואס אין זיין זכות האט זיך דער שלום צוריקגעקערט צו אונזער הויז, און זיינע וואונדערליכע וועגן און געהויבענע מידות באלייכטן שטענדיג אונזער וועג. דערפאר קום איך יעדן יאר צו זיין קבר, כדי זיך צו באהעפטן אין זיינע וועגן און מעשים - האט דער זקן אויסגעפירט זיין וואונדערליכן דערציילונג.

[נערך מתוך שיחה לבחורי ישיבות מיר ובריסק - כ"ד בתמוז תש"ס לפ"ק].


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוה למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173